גליון 171
ויחי תשפ"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

### דֶער רוֹיבֶּער מִיטְן הִיטְל

**דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט** אַ מָשָׁל פוּן וֶועגְן דִי בַּאוואוּסְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פְלֶעגְן אַרֵיינְקוּמֶען צוּ אִים אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּג אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, אוּן הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער.

**הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט וֶועגְן זֵיי:** "בַּאלְד וֶועט זִיךְ אַלֶעס עֶנְדִיגְן בַּיי זֵיי, וַוייל שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג וֶועלְן זֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן." אוּן הָאט אוֹיף דֶעם דֶערְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶעם מָשָׁל וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אַ רוֹיבֶּער הָאט אִים בַּאפַאלְן אוּן גֶעוָואלְט בַּארוֹיבְּן. הָאט אִים דֶער רוֹיבֶּער גֶעפְרֶעגְט: הָאסְט גֶעלְט? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ, זִיכֶער וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן מַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר מַיין לֶעבְּן," הָאט אִים דֶער רוֹיבֶּער אַלְץ צוּגֶערוֹיבְּט.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער בַּארוֹיבְּטֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט צוּם רוֹיבֶּער: "וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים אִין שְׁטוּבּ אָן קֵיין גֶעלְט? אִיךְ הָאבּ אַזוֹי פִיל גֶעוַואנְדֶערְט פוּן מַיין שְׁטוּבּ אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן יֶעצְט וִוי וֶועל אִיךְ אַהֵיים קוּמֶען לֵיידִיג אִין שְׁטוּבּ? דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט שִׁיסְן מִיט דַיין בִּיקְס אוֹיף מַיין הוּט אַז עֶס זָאל זַיין אַ צֵייכְן צוּ וַוייזְן אַז אַ רוֹיבֶּער הָאט מִיר בַּאפַאלְן."

הָאט דֶער רוֹיבֶּער אַזוֹי גֶעטוּן.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שִׁיסְן אוֹיף נָאךְ אַפָּאר פְלֶעצֶער, בִּיז צוּם עֶנְד הָאט אִים דֶער רוֹיבֶּער גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֵיין פִּילְוֶוער (אַשׁ אַרֵיינְצוּלֵייגְן אִין דֶעם בִּיקְס כְּדֵי צוּ שִׁיסְן)." אוּן דַאן וֶוען דֶער רוֹיבֶּער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין פִּילְוֶוער צוּ שִׁיסְן, הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט, "יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין פִּילְוֶוער קוּם אַהֶער." אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים נַאקְן אוּן גֶערוּפְן נָאךְ אַנְדֶערֶע זָאלְן אִים הֶעלְפְן, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּערְ'ן גַּזְלָן אוּן אִים גֶעזִיגְט.

דֶער נִמְשָׁל אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיג פַאר דִי צוּהֶערֶער וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין יֶענֶעם מַעֲמָד וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט.

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן קצ"ח)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ז' - דֶער פְּלִיג אוּן דֶער שְׁפִּין (2)

**הָאט עֶר אִים גִיוויזְן.** ווִי אַרוּם דֶעם בַּארְג שְׁטֵייעֶן אַלָפִים וּרְבָבוֹת שׂוֹנְאִים. אוּן זֵיי מַאכְן סְעוּדוֹת אוּן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן כְּלֵי זֶמֶר שְׁפִּילֶען אוּן זֵיי טַאנְצְן. אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז וָואס אַ כִּיתִּי פוּן זֵיי טְרַאכְט אֵיינֶער אוֹיס אוּן פַּאלְט אוֹיף אַ חָכְמָה ווִי אַזוֹי מֶען זָאל אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג. אַזוֹי מַאכְן זֵיי אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ סְעוּדָה אוּן מֶען שְׁפִּילְט אוּן מֶען טַאנְצְט. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶע כִּיתִּי (דְהַיְינוּ אַ טֵייל) פוּן זֵיי. נָאר דָאס בְּלֶעטְל פוּן דִי נִמוּסִים וָואס סֶע אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין. אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין.

**אוּן אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ בַּארְג** אִיז אַ טַאבְּלִיצֶע. אוּן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן דִי נִימוּסִים פוּן דֶעם **בְּלֶעטְל וָואס סֶע מֵגִין אוֹיף אִים.** פוּן אַ וָואסִירֶע אוּמָה סֶע אִיז. נָאר מַחְמַת דֶער בַּארְג אִיז הוֹיךְ. קָאן מֶען נִיט לֵיינֶען דָאס כְּתַב.

**נָאר אוּנְטְן אִיז גִיוֶוען** אַ טַאבְּלִיצֶע. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן אַז וֶוער סֶע הָאט אַלֶע צֵיין. דֶער קָאן אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג. הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גִיגֶעבְּין אַז סֶע וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אַ גְרָאז דָארְט ווִי מֶען בַּאדַארְף אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג. אַז וֶוער סֶע קוּמְט אַהִין. **פַּאלְין אִים אַרוֹיס אַלֶע צֵיין.** סַיי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ פוּס. סַיי עֶר הָאט גִירִיטְן. סַיי עֶר אִיז גִיפָארְין אִין אַ וָואגִין מִיט בְּהֵמוֹת. זֶענֶען אַלְץ אַלֶע צֵיין אַרוֹיס גִיפַאלִין. זֶענֶען דָארְט גִילֶעגְן הוֹיפִין וַוייס מִיט צֵיין. אַזוֹי ווִי בֶּערְג.

**דֶער נָאךְ** הָאבִּין דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם דוּמִיט גִינוּמֶען דֶעם פַּאטְרֶעט אוּן הָאבִּין אִים ווִידֶער צוּ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט אַזוֹי ווִי פְרִיר אוּן דִי קְרוֹין הָאבְּן זֵיי גִינוּמֶען אוּן הָאבְּן אָפְּגִיוַואשְׁן. אוּן הָאבִּין ווִידֶער אוֹיף גִיהָאנְגֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אוֹיף גִיחַאפְּט.** אוּן הָאט תֵּיכֶף אַ קוּק גִיטָאן אוֹיף דֶעם בְּלֶעטִיל וָואס סֶע הָאט אוֹיף אִים מֵגִין גִיוֶוען פוּן אַ וָואסִירֶע נִימוּס פוּן אַ וָואסִירֶע אוּמָה דָאס אִיז. הָאט עֶר גִיזֶעהְן **אַ סֶע שְׁטֵייט דָארְט דֶער נִימוּס פוּן יוּדִין.**

**הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבְּן צוּ קוּקְן** אוֹיף דֶעם בְּלֶעטְל מִיט **דֶעם אֱמֶת** הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען **דֶעם רֶעכְטְן אֱמֶת.** הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. **עֶר וֶועט שׁוֹין בְּוַודַאי זַיין אַ יוּד.** נָאר וָואס טוּט מֶען אַז מֶען זָאל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מַחְזִיר לְמוּטָב זַיין מֶען זָאל זֵיי **אַלֶע בְּרֶענְגֶען צוּם אֱמֶת.** **הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** עֶר וֶועט פָארִין זוּכִין אַ חָכָם. וָואס עֶר זָאל אִים פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין כְּהֲוָיָיתוֹ. (דְהַיְינוּ עֶר זָאל אִים בַּאשֵׁיידִין דֶעם חָלוֹם פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי עֶר אִיז) אוּן עֶר הָאט מִיט זִיךְ גִינוּמֶען צְוֵוי מֶענְטְשְׁן אוּן אִיז גִיפָארִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִיט אַזוֹי ווִי אַ מֶלֶךְ נָאר ווִי **אַ פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשׁ** אוּן אִיז גִיפָארִין פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער. אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט. ווִי גִיפִינְט מֶען אַזוֹי אַ חָכָם וָואס עֶר זָאל פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין כְּהֲוָיָיתוֹ. הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען אַז דָארְט אוּן דָארְט גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ חָכָם.

**אִיז עֶר גִיפָארִין אַהִין.** אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם חָכָם אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט **דֶעם אֱמֶת.** אַז עֶר אִיז אַ מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט אָפּ גִינוּמֶען מִלְחָמוֹת. אוּן דִי

גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס סֶע גִיוֶוען כַּנַ"ל. אוּן הָאט אִים גִיבֶּעטִין. אַז עֶר זָאל אִים פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין.

**הָאט אִים דֶער חָכָם גִיעֶנְפֶערְט.** אִיךְ אַלֵיין קָאן נִיט פּוֹתֵר זַיין. נָאר סֶע אִיז פַּאר הַאנְדִין אַ צַייט. אִין דֶעם אִין דֶעם טָאג אוּן אִין דֶעם אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. דֶעמוּלְט נֶעם אִיךְ צוּם אוֹיף אַלֶע סַמְמָנֵי הַקְטוֹרֶת (כְּלוֹמֶר אַלֶע קְרַייטִיכְצֶער וָואס פוּן זֵיי פְלֶעגְט מֶען מַאכִין קְטוֹרֶת) אוּן אִיךְ מַאךְ פוּן זֵיי אַ מוּרְכָּב. (כְּלוֹמֶר עֶר מִישְׁט זֵיי אוֹיס אִין אֵיינֶעם). אוּן מְרֵייכֶערְט דֶעם מֶענְטְשְׁן מִיט דֶער קְטוֹרֶת אוּן דֶער מֶענְשׁ הָאט אִין זִין וָואס עֶר וִויל זֶעהְן. אוּן וָואס עֶר וִויל וִויסְן. וֶוייסְט עֶר דֶעמוּלְט אַלְדִינְג. **הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין יוֹא אַזוֹי פִיל צַייט דוּרְךְ פַארְבְּרַאכְט. וֶועט עֶר נָאךְ וַוארְטִין בִּיז דֶעם טָאג אוּן דֶעם חוֹדֶשׁ. (וָואס דֶער חָכָם הָאט אִים גִיזָאגְט)

**סֶע גִיקוּמֶען דֶער טָאג.** הָאט אִים דֶער חָכָם אַזוֹי גִיטָאן אוּן הָאט אִים גִירֵייכֶערְט מִיט דֶער קְטוֹרֶת הָאט דֶער מֶלֶךְ אָן גִיהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן. אֲפִילוּ וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ נָאךְ גִיטָאן **אֵיי דֶער אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארִין.**

**דֶעמוּלְט אַז דִי נְשָׁמָה אִיז נָאךְ גִיוֶוען בְּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן** (כְּלוֹמֶר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט) הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי מְהָאט זַיין נְשָׁמָה גִיפִירְט דוּרְךְ אַלֶע וֶועלְטִין. אוּן מְהָאט אוֹיס גִירוּפְן וֶוער סֶע הָאט עֶפֶּעס מְלַמֵּד חוֹב צוּ זַיין (כְּלוֹמֶר צוּ רֵיידִין שְׁלֶעכְץ) אוֹיף דֶער נְשָׁמָה. זָאל עֶר קוּמֶען **הָאט זִיךְ קֵיינֶער נִיט גִיפוּנֶען וָואס עֶר זָאל מְלַמֵּד חוֹב זַיין. דֶערְוַוייל** אִיז אֵיינֶער אָן גִיקוּמֶען. אוּן אִיז גִילָאפִין אוּן הָאט גִישְׁרִיגְן **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם.** הֶער צוּ מַיין גִיבֶּעט. **אַז דֶער וֶועט קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין צוּ טָאן.** אוּן נָאךְ וָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁפִין. אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער ס"מ (כְּלוֹמֶר דֶער וָואס הָאט דָאס גִישְׁרִיגְן דָאס אִיז דֶער ס"מ אַלֵיין גִיוֶוען. הָאט עֶר גִישְׁרִיגְן אַז דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרָאפּ קוּמֶען אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין. הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט צוּ טָאן)

**הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. דִי נְשָׁמָה. מוּז אַרָאפּ גֵיין** אוֹיף דֶער וֶועלְט. **אוּן דוּ גִיבּ דִיר אֵיין עֵצָה. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען** (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט דָאס גִישְׁרִיגְן).

**הָאט מֶען וַוייטֶער** דִי נְשָׁמָה גִיפִירְט דוּרְךְ עוֹלָמוֹת (כְּלוֹמֶר וֶועלְטִין) בִּיז מְהָאט דִי נְשָׁמָה שׁוֹין גִיבְּרַאכְט צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה כְּדֵי מְזָאל זִי שׁוֹין בַּאשְׁוֶוערִין. **כְּדֵי זִי זָאל שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט**

**אוּן עֶר אִיז נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען** (דְהַיינוּ דֶער ס"מ וָואס הָאט פְרִיר גִישְׁרִיגְן אִיז עֶר נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען) הָאט מֶען נָאךְ אִים גִישִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ. אִיז עֶר גִיקוּמֶען.

**אוּן הָאט מִיט זִיךְ גִיבְּרַאכְט** אֵיין אַלְטִיטְשְׁקִין אֵיין אַיינְגֶעבּוֹיגִינֶעם. **וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיקָאנְט מִיט אִים פוּן לַאנְג** (דְהַיינוּ דֶער בַּעַל דָבָר הָאט זִיךְ מִיט דֶעם אַלְטְן גִיקָאנְט פוּן לַאנְג) **אוּן עֶר הָאט גִילַאכְט.** אוּן הָאט גִיזָאגְט. **אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין אֵיין עֵצָה גִיגִיבְן.** דִי נְשָׁמָה מֶעג שׁוֹין **אַרָאפּ גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.**

**הָאט מֶען גִילָאזְט דִי נְשָׁמָה** אִיז זִי אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט גִיזֶעהְן (דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ) **וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן מִתְּחִילָּה וְעַד סוֹף.** אוּן וִוי עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ. אוּן דִי מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גִיהַאט **וְכוּ'.**

אוּן עֶר הָאט גִינוּמֶען שְׁבוּיִם אוּן צְווִישְׁן דִי שְׁבוּיִם אִיז גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר. וָואס זִי הָאט גִיהַאט אַלִירְלֵיי חֵן פוּן דֶער וֶועלְט. נָאר דֶער חֵן אִיז נִיט גִיוֶוען פוּן אִיר אַלֵיין. נָאר סֶע הָאט אוֹיף אִיר גִיהַאנְגֶען אַ דוּמִיט. אוּן דֶער דוּמִיט הָאט גִיהַאט אַלִירְלֵיי חֵן. אוּן מַחְמַת דֶעם הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז זִי הָאט אַלִירְלֵיי חֵן. אוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג קָאנֶען מֶער נִיט קוּמֶען. נָאר חֲכָמִים אוּן עֲשִׁירִים וְכוּ'. (אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט) אוּן סֶע נָאךְ דָא זֵייעֶר אַסַאךְ דְרֵינֶען. (דָאס וָואס דָא שְׁטֵייט מִיט דִי שְׁבוּיִם דָאס אִיז נִיט אוֹיף גִישְׁרִיבְּן גִיוָוארִין גוּט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט).

מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ וְכוּ'. מָה רַבּוּ צָרָי רַבִּים קָמִים עָלָי. וְאַתָּה ה' מָגֵן בַּעֲדִי כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי וְכוּ'. פַּאר טַייטְשׁ גוּט דָאס גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט. וֶועסְטוּ זֶעהְן וִוי אַזוֹי דָארְט אִיז מְרוּמָז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

נאמען: ___________

# לאמיר זיך פארהערן



## די זיבעטע מעשה - דער פליג און דער שפין (2)

**א. וואס האט פאסירט מיט ווער עס איז געגאנגען אויף די גראז וואס פירט ארויף צום בארג?**
- ☐ עס איז אים אראפ געפאלן אלע ציינער.
- ☐ ער האט נישט געקענט הערן
- ☐ ער האט נישט געקענט גיין

**ב. וואס פארא בלאט האט געהיטן אויפן מלך?**
- ☐ פון דעם טערק .
- ☐ פון די אידן.
- ☐ פון די זיבעציג פעלקער.

**ג. מיט וויפל מענטשן איז דער מלך געגאנגען זוכן דעם חכם ?**
- ☐ מיט צוויי מענטשן.
- ☐ מיט א גאנצער מנין.
- ☐ אליין.

**ד. וואס האט דער ס"מ געשריגן?**
- ☐ אז די נשמה וועט קומען אויף די וועלט, וואס האב איך שוין צו טאן.
- ☐ ער זאל אראפ גיין אויף די וועלט.
- ☐ ראטעוועו מיר.

**ה. ועמען האט דער ס"מ מיט געברענגט?**
- ☐ ער איז געקומען אליין.
- ☐ א אלטער מענטש
- ☐ א אלטער איינגעבויגענער מענטש.

**ו. וואס האט דער ס"מ געטאן?**
- ☐ געוויינט.
- ☐ געלאכט.
- ☐ געטאנצט.

**ז. צום סוף איז די נשמה אראפ אויף די וועלט?**
- ☐ ניין.
- ☐ יא.
- ☐ עס האט זיך אפגעהאלטן.

**ח. ווער איז געווען צווישן די שבוים וואס דער מלך האט געפאנגען?**
- ☐ א אלטער.
- ☐ א אינגל.
- ☐ א יפת תואר.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

**אז דאס בלעטל איז אויף דיר מגין באדארפסטו קיין מורא נישט צו האבן פאר קיין שום זאך**



# טיפער געטראכט

**ווער האט געלאפן? ווער האט געשריגן? ווער איז זיך אוועק געגאנגען? ווער האט געלאכט?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער פליג און דער שפין (1)

**ביי וועלכע מעשה נאך, ווערט דערמאנט די ווערטער "גיוואלד גיוואלד" ?**

ביי מעשה ח', פון דעם רב און דער בן יחיד


דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com